# הוספה

## א

ז אדר התשי״ב

הרה״ח הוו״ח וכו׳ מהור״מ שי׳ פישער

שלום וברכה!

אויפן יסוד פון אָנווייזונגן וועלכע איך האָב באַקומען פון כ״ק אדמו״ר שליט״א בין איך באַפולמעכטיקט געוואָרן אייך צו ענטפערן אויף אייער אָנפראַגע וועגן דער מחיצה אין אייער שוהל, באַגרינדענדיק דעם ענטפער אויך אויף דעם וואָס איך האָב וועגן דעם געהערט בשעתו פון כ״ק אדמו״ר זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע.

אַ פונדאַמענטאַלער צוגאַנג פון יעדן רב ווי צו לייזן אַ פּראָבלעם פון זיין קהלה איז אַז קיין פשרות אויפן חשבון פון אָפּטרעטן פון שלחן ערוך, טאָר מען ניט מאַכן. באַנוצנדיק ווען ס׳איז נייטיק דאָס גרעסטע מאָס סבלנות געגענאיבער די וועלכע ווילן אַרויפצווינגן פשרות, און אָנהאַלטענדיק די איידעלסטע באַציהונגען מיט אַלע מעמבערס פון דער קהלה, דאַרף דער רב אָבער גלייכצייטיק אַרויסווייזן די גרעסטע תקיפות און אומערשראָקענקייט באַם אָפּהיטן די הנהגה פון דאָס קהלה לעבן אַז ס׳זאָל זיין אויף יסודי התורה והמצות.

דורך אַזאַ האַנדלונג ווען ס׳איז מיט אַן אמת געווינט סוף כל סוף דער רב די אַכטונג און אַנערקענונג אויך פון זיינע געגנער, און בעזרת השם יתברך ווערן בטל אַלע נסיונות.

---

**א**

נשלחה על נייר המכתבים של המל״ח.

מהור״מ שי׳ פישער: מהו״ר מרדכי. רב בביהכנ״ס בית דוד בבראַנטפאָרד (אָנטאַריאָ, קאַנאַדאַ). — בין חברי ״קבוצת אחי תמימים״ בנ.י. שנסעו — מנ״א תרצ״ט — לפולין ע״מ ללמוד בישיבת תו״ת באָטוואָצק, וחזרו משם לאחר פרוץ מלחה״ע השני׳. — אגרות נוספות אליו — אג״ק ח״ה אגרת א׳תטו, ובהנסמן בהערות שם.

אָנווייזונגן .. פון כ״ק אדמו״ר שליט״א: בכתי״ק:

לענות לו על שאלתו איך לעשות המחיצה.

ולהוסיף מה ששמע בזה מכ״ק מו״ח אדנ״ע.

יותר טוב ומנומס שישבו הנשים ג״כ מלפנים והמחיצה תהי׳ ממזרח למערב, ולא מדרום לצפון.

מחיצה גבוה מקומת איש.

[זינגען זמירות —] לבטל (משום הנשים).

צוגאַנג פון יעדן רב .. קיין פשרות כו׳: ראה גם אג״ק חי״ח אגרת ו׳תקמט, ובהנסמן בהערות שם. ובכ״מ.

אויסגייענדיק פון דעם שטאַנדפונקט ווערט קלאָר אַז אַ מחיצה אין אַ שול **מוז זיין**.

דער אופן ווי צו מאַכן די מחיצה, איז בעסער, און פאַר דעם עולם זיכער אויך אָנגענעמער, אַז ס׳זאָל געמאַכט ווערן אין דער ריכטונג פון מזרח צו מערב (און ניט פון צפון צו דרום) ד.ה. אַז אַלע זאָלן קענען זיין מיטן פנים דירעקט צו מזרח.

די הויך פון דער מחיצה דאַרף זיין העכער ווי די הויך פון אַ מענשן.

דעם זינגען זמירות באַ די מסיבות דאַרף מען בטל מאַכן אום ס׳זאָל ניט קומען צו געזאַנג פון די פרויען.

בברכת כט״ס

הרב ח.מ.א. חדקוב

[אגרת נוספת אליו — בנידון בית הכנסת שבניהולו]

כג מר־חשון התש״י

כבוד ידידנו הנכבד והנעלה הרב הוו״ח אי״א וכו׳
מהור״מ שי׳ פישער

שלום וברכה!

עפ״י פקודת כ״ק אדמו״ר שליט״א הננו לחוות דעתנו בעניני ביהכנ״ס אשר כמ״ע שאל בהן:

א) את הקביעות להתפלל בציבור בזמן הרגיל **אצלינו** לקבלת שבת דהיינו סמוך לתחילת הלילה אין לבטל, ולכן יאמר לבע״ב אשר ביכלתם לבא לזמן הזה, שיבאו ויתפללו — בביהכנ״ס, גם אם יצטרכו להתפלל שם ביחידות. ויחד עם זה יסדר עוד מנין בליל ש״ק בשעה אחרת עבור אלה שאינם באים אל מנין הראשון.

ב) אין לבטל את השעורים ברבים בליל ש״ק משום החשש שמא מי שהוא יסע, אלא בידעו שיש נוסעים יחפש דרכים איך ללמדם האיסור שבזה ולהשפיע עליהם שאל יחללו את השבת.

ג) לבע״ב כאלו נראה נחוץ לדבר בעיקר ״האַרציק״ ויוכל לקחת חומר

---

אַ מחיצה אין אַ שול מוז זיין: ראה גם אג״ק ח״ז אגרת ב׳קסה, ובהנסמן בהערות שם. ח״ח אגרת ב׳תעא. ח״י אגרת ג׳קפז. חי״ג אגרת ד׳תלה, ובהנסמן בהערות שם. חי״ד אגרת ה׳מט. חט״ז אגרת ה׳תשצג. חי״ח אגרת ו׳תתעח; ו׳תתצ, ובהנסמן בהערות שם. חכ״א אגרת ח׳קל. חכ״ג אגרת ח׳תתב, ובהנסמן בהערות שם.

*

עפ״י פקודת כ״ק אדמו״ר שליט״א: **כ״ק אדמו״ר מהוריי״צ נ״ע.**

לקבלת שבת .. סמוך לתחילת הלילה אין לבטל: **היינו, אף בימות החורף.**

ממדרשים, ספרי דרוש, ספורים מאבות החסידות, מאמרים מהקריאה והקדושה וגם מהמאמרים הראשים וכדו׳ שבשמועסן וטאָקס בדברו את הנ״ל בשפה המתאימה לקהל השומעים.

בברכת כט״ס

הרב ח.מ.א. חדקוב

## ב

יום ה׳ תצוה, תש״ג.

זייער געערטער און חשוב׳ער ה׳ י.ל. מאַרראָו,
261 — 5 עוו., **ניו־יאָרק**.

שלום וברכה!

מיר דאַנקען אייך פאַר אייער בריוו פון ג׳ תרומה.

מיר האָבן אייך אַרויסגעשיקט אַ לוח, און זיכער האָט איר איס באַקומען. אייער פריערדיקע בקשה וועגן שיקן אייך אַ לוח איז צו אונז ליידער **ניט אָנגעקומען**.

דער מרכז לעניני חנוך ווייס אויך גאָר ניט וועגן טשעק אויף $25 וועלכן איר דערמאָנט אין אייער שרייבן. אויב איר האָט געמיינט צו געבן עס אויפ׳ן מרכז לעניני חנוך, מוז דאָ זיין אַ מיספאַרשטענדניס, און מיר וועלן אייך זייער דאַנקבאַר זיין ווען איר קלערט עס אויף און טיילט אונז מיט.

אורטיילנדיק פון אייער שרייבן, זעען מיר, אַז איר זייט אַ איד וואָס נעמט אַ פערזענליכן אינטערעס אין דער פראַגע פון אידישן חנוך, און דעריבער זיינען מיר זיכער, אַז איר וועט זיין פאַראינטערעסירט צו באַקענען זיך נעענטער מיט דער פאַרצווייגטער אַרבעט פון מרכז לעניני חנוך אויף דעם געביט, און ספּעציעל מיט די פאַרשידענע אויסגאַבען אין ענגליש, אידיש און לה״ק. אייער באַשטעלונג וועט פּינקטליך אויסגעפירט ווערן.

מיר האָפן צו הערן פון אייך אינגיכן.

ברגשי כבוד וברכה,

**הרב מנחם שניאורסאהן,**
יו״ר ועד הפועל

❀ ❀ ❀

---

ב

יו״ר ועד הפועל: **מרכז לעניני חנוך.**